# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קמ**

**פרשת פקודי**

בענין

**קושית רבי נתן אדלער זצ"ל על דברי בצלאל**

**'כלים שאני עושה - להיכן אכניסם'**

**וּבְצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה עָשָׂה אֵת כָּל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה:** (שמות לח, כב)

## דברי רש"י – גמרא מסכת ברכות

**רש"י** שרייבט דא אויפ'ן פסוק: **אשר צוה משה אין כתיב כאן, אלא כל אשר צוה ה' את משה** - פירוש: אין פסוק שטייט אז בצלאל האט געטוהן אלעס 'אשר צוה ה' את משה', און לכאורה וואלט געדארפט שטיין 'אשר צוה אותו משה', ווייל משה - ער האט דאך באפוילען פאר בצלאל וואס צו טוהן, און נישט די אייבישטער. נאר דער פסוק קומט אינז צו לאזן הערן: **אפילו דברים שלא אמר לו רבו, הסכימה דעתו למה שנאמר למשה בסיני, כי משה צוה לבצלאל לעשות תחלה כלים ואחר כך משכן, אמר לו בצלאל מנהג עולם לעשות תחלה בית ואחר כך משים כלים בתוכו. אמר לו כך שמעתי מפי הקדוש ברוך הוא. אמר לו משה בצל אל היית, כי בוודאי כך צוה לי הקדוש ברוך הוא, וכן עשה המשכן תחלה ואחר כך עשה הכלים.**

פירוש: אין פרשת תרומה שטייט קודם די ציווי פון די 'כלים' פון די משכן, די ארון, שולחן, מנורה, און נאר נאכדעם שטייט די ציווי פון עשיית המשכן, מה שאין כן אין פרשת כי תשא (שמות לא, ז) און אין פרשת ויקהל (שם, פרק לו לז) שטייט פארקערט, קודם די ציווי פון עשיית המשכן, און נאר נאכדעם די ציווי פון עשיית הכלים, און די וועג צו מבאר זיין די סתירה איז, אז בעצם האט די אייבישטער געזאגט פאר משה רבינו אז קודם זאל מען בויען די משכן, און נאר נאכדעם זאל מען בויען די כלים פאר די משכן, אבער משה רבינו האט ארום געדרייט די סדר, און ער האט געזאגט פאר בצלאל אז ער זאל קודם בויען די כלים פון די משכן, און נאר נאכדעם זאל ער בויען די משכן. אבער בצלאל האט צוריק געזאגט פאר משה אז די 'מנהג העולם' איז, קודם צו בויען א הויז און נאר נאכדעם בויט מען די כלים וואס מען לייגט אריין אין די הויז, און אזוי אויך דא ביי די משכן וואלט מען לכאורה על פי שכל הישר קודם געדארפט בויען די משכן, און נאר נאכדעם בויען די כלים. און ווען משה האט דעס געהערט פון בצלאל, האט ער אים געזאגט 'כך שמעתי מפי הקדוש ברוך הוא', דהיינו, אז די אמת איז אז די אייבישטער האט מיך טאקע אזוי געהייסן אז קודם זאל מען בויען די משכן, און נאר נאכדעם זאל מען בויען די כלים - און אזוי איז טאקע געווען, אז בצלאל האט קודם געבויעט די משכן און נאר נאכדעם האט ער געבויעט די כלים, אזוי ווי עס שטייט אין פרשת כי תשא און ויקהל. און דעס איז פשט דא אין פסוק: **עָשָׂה אֵת כָּל אֲשֶׁר "צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה"** - דהיינו, בצלאל האט געבויעט די משכן אויף די סדר ווי אזוי די אייבישטער האט געזאגט פאר משה, און נישט אזוי ווי משה האט געזאגט פאר בצלאל.

די מקור פון רש"י איז א גמרא אין **מסכת ברכות** (נה, א), ווי עס שטייט אזוי: **אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן: 'בצלאל' על שם חכמתו נקרא** - בצלאל האט געהייסן 'בצלאל' על שם זיין גרויסע חכמה וואס ער האט געהאט, ווייל **בשעה שאמר לו הקדוש ברוך הוא למשה: לך אמור לו לבצלאל עשה לי משכן ארון וכלים, הלך משה והפך** - איז משה געגאנגען און ארום געדרייט די סדר, **ואמר לו** - פאר בצלאל: **עשה ארון וכלים ומשכן** - ער זאל קודם מאכן די כלים פון די משכן, און נאר נאכדעם זאל ער בויען די משכן. **אמר לו** - האט בצלאל געזאגט פאר משה: **משה רבינו! מנהגו של עולם - אדם בונה בית ואחר כך מכניס לתוכו כלים, ואתה אומר: עשה לי ארון וכלים ומשכן** - און די זאגסט מיך איך זאל מאכן קודם די כלים, און נאר נאכדעם די משכן! **כלים שאני עושה - להיכן אכניסם? שמא כך אמר לך הקדוש ברוך הוא:**

**עשה משכן ארון וכלים. אמר לו: שמא בצל אל היית וידעת** - וואס די אייבישטער האט מיך געזאגט, און די אייבישטער האט מיך טאקע געזאגט אז מען זאל קודם מאכן די משכן, און נאר נאכדעם די כלים.

## קושיתו של הנשר הגדול רבי נתן אדלער זי"ע

דער הייליגער **חתם סופר** ברענגט אראפ א הפלא'דיגע קשיא פון זיין גרויסען רבי'ן החסיד שבכהונה **רבי נתן אדלער זי"ע** האט געפרעגט אויף דער גמרא. וזה לשונו (שו"ת חתם סופר אורח חיים, סימן קפח): **ובאמת דברי פסיקתא דמייתי הטור שמעתי ממורי הגאון החסיד שבכהונה זצ"ל דרמי דיקלא וזקפיה** (לשון הגמרא סנהדרין ל, ב), **על פי ש"ס שלהי ברכות** (נה, א) **דמשה רבינו ע"ה אמר עשה ארון תחלה ובצלאל אמר להיכן אכניסם, וקש אם כן כיון שנגמרה מלאכת המשכן בכ"ה כסליו, ואז נאמר לו באחד לחדש הראשון תקים את המשכן העדות, אם כן עדיין תקשי להיכן הכניסם עד ראש חודש?**

פירוש: די **טור** אין **הלכות חנוכה** (סימן תרפד) שרייבט אזוי: **וקורין בפרשת נשא בנשיאים ג' בכל יום, ומפרש בפסיקתא** (רבתי, ו) **משום שנשלם מלאכת המשכן בכ"ה בכסליו** - פירוש: די סדר פון קריאת התורה חנוכה איז אז מען רופט אויף ג' קוראים, און מען ליינט די פרשה פון די נשיאים, און די טעם איז, ווייל די מלאכת המשכן איז פארטיג געווארען, און געווארען גרייט 'כ"ה כסליו'. עד כאן דברי הטור. קומט רבי נתן אדלער און פרעגט, אז דעס איז דאך פשוט אז די משכן אליין האט דאך משה רבינו אויף געשטעלט ראש חודש ניסן, אזוי ווי עס שטייט קלאר דער וואך אין פסוק (שמות מ, יז) **וַיְהִי בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן**, און אויב אזוי וואס איז די נפקא מינה אויב מען וואלט געבויעט קודם די כלים, אדער קודם די משכן? די משכן האט מען דאך סיווי נאר אויף געשטעלט ראש חודש ניסן, און די אלע כלים איז דאך שוין געווען גרייט פון 'כ"ה כסליו', איז אפילו מען האט געטוהן די עצה פון בצלאל אז מען האט קודם געבויעט די משכן און נאר נאכדעם די כלים, און מען האט פארדינט דער 'כלים שאני עושה - להיכן אכניסם', אבער סוף כל סוף האט מען דאך נישט אויפגעשטעלט די משכן ביז ראש חודש ניסן, איז אפילו לויט דער מהלך פון בצלאל איז נאך אלץ שווער 'כלים שאני עושה - להיכן אכניסם'?

## תירוצו של רבי נתן אדלער זי"ע

דער חתם סופר ברענגט אראפ די תירוץ פון זיין גרויסען רבי'ן, וזה לשונו: **וניחא ליה, דקודם שנמשחו לא היה קפידא היכן יכניסם, באיזה אהל שירצה, אך כיון מסתמא כסדר עשייתם כך היתה הקפידה על סדר שחיתם, ואם כן אחר שנמשח הארון קודם למשכן, היכן יכניסו, וההמשחה היתה בתחילת ימי מילואים, ולא קשה מידי** - פירוש: רבי נתן אדלער ענטפערט, אז בעצם די כלים וואס מען האט געבויעט פאר די משכן האט נישט געהאט קיין שום קדושה אויף זיך נאר ביז נאך מען האט עס געזאלבט מיט דער 'שמן המשחה', אבער פארדעם איז עס געווען געהעריגע כלים של חול, און מען האט עס געקענט לייגן און וועלכע אהל מען האט געוואלט, און נאר נאך וואס מען האט געזאלבט די כלים מיט די שמן המשחה, דעמאלטס האט מען זיך שוין געדארפט פוהרן מיט די כלים בדרך קדושה און מען האט עס נישט געקענט לייגן און סיי וועלכע אהל, און וועגן דעם אפילו די כלים פון די משכן איז שוין געווארן גרייט 'כ"ה כסליו', אפילו אזוי איז נישט געווען די פראבלעם פון 'כלים שאני עושה - להיכן אכניסם', ווייל מען האט עס געקענט לייגן און וועלכע אהל מען האט געוואלט, מה שאין כן, שפעטער ווען מען איז געגאנגען זאלבן די כלים פון די משכן, דארט וואלט געווען די פראבלעם פון 'כלים שאני עושה - להיכן אכניסם'. און די טעם איז, ווייל 'מסתמא' איז די סדר פון די שמן המשחה געגאנגען, אויף די זעלבע סדר ווי אזוי מען האט געבויעט. דהיינו אויב וואלט מען קודם געבויעט די כלים, האט מען קודם געזאלבט מיט שמן המשחה די כלים, און נאר נאכדעם געזאלבט די משכן אליין, און אויב וואלט מען קודם געבויעט די משכן, וואלט מען קודם געזאלבט די משכן, און נאר נאכדעם די כלים. און וועגן דעם האט בצלאל געזאגט פאר משה, אויב איז אמת אז מען דארף קודם בויען די כלים און נאר נאכדעם די משכן, וועט אויסקומען אז מען גייט אויך קודם זאלבן די כלים און נאר נאכדעם די משכן, און אויב אזוי ווערט שווער 'כלים שאני עושה - להיכן אכניסם', דהיינו די כלים גלייך נאכן זאלבן, וואס יעצט איז עס שוין הייליג און עס קען נישט אריין גיין אין סתם א אהל, נאר עס דארף אריין גיין דייקא אין די משכן, אבער די משכן איז דאך נאך נישט געזאלבט און מען גייט עס נישט קענען אריין לייגן דארטן. וועגן דעם - האט בצלאל געזאגט - דארף מען קודם בויען די משכן און נאר נאכדעם די כלים, און אזוי וועט מען אויך קודם זאלבן די משכן און נאר נאכדעם די כלים, און אזוי וועלן די כלים גלייך האבן א פלאץ ווי אריינצוגיין. און די חתם סופר איז מסיים אויף דער תירוץ: **ודברי פי חכם חן!**

## תירוצו של הנצי"ב

די גרויסע גאון און רבן של ישראל **רבי נפתלי יהודה צבי ברלין זצ"ל** דער **'נצי"ב'** ברענגט אראפ אין זיין ספר **מרומי שדה** א חידוש פון א תירוץ וואס ער שרייבט אין זיין ספר **'העמק דבר'** על התורה, אויף דער קשיא. וזה לשונו במרומי שדה (ברכות שם): **כלים שאני עושה היכן אני מכניס. תמוה הא נגמר הכל ולא הקים עד ראש חודש ניסן, והיו על כרחך מונחים בחוץ? ובביאור התורה הראינו לדעת, דמכל מקום הקים בצלאל יריעות של שש, והכניס**

**לתוכן הכלים עד שהקים משה את הקרשים ושארי דברים, ומיושב שפיר** - פירוש: דער נצי"ב ברענגט אראפ א תירוץ וואס ער שרייבט אין זיין 'ביאור על התורה'. און דער תירוץ שטייט אין זיין ספר העמק דבר על התורה אין פרשת ויקהל (שמות לו, יג), וזה לשונו שם: **ויחבר את היריעות וגו'. משמע שבצלאל חיברם. וביריעות עזים להלן פסוק יח כתיב 'לחבר את האהל' משמע שלא עשה בצלאל אלא הכנה לזה שבהקמת המשכן יחברו המקימים, ויש להבין למאי כתיב 'ויחבר' ביריעות הללו** - פירוש: דער נצי"ב שטעלט זיך אויף א דיוק אין די פסוקים אין פרשת ויקהל.

אין די פסוק ביי די יריעות שש שטייט (לו, יג): **"<u>וַיְחַבֵּר</u>" אֶת הַיְרִעֹת אַחַת אֶל אֶחָת** - וואס פון דעם איז משמע אז בצלאל אליינס האט מחבר געווען די יריעות שש, מה שאין כן ביי די יריעות עזים שטייט (שם פסוק יח): **וַיַּעַשׂ קַרְסֵי נְחֹשֶׁת חֲמִשִּׁים "לְחַבֵּר" אֶת הָאֹהֶל לִהְיֹת אֶחָד** - וואס פון דעם איז משמע אז בצלאל האט נאר געמאכט די יריעות העזים, אבער ער אליינס האט עס נישט מחבר געווען, נאר ער האט עס געמאכט כדי א צעווייטער זאל עס מחבר זיין, אזוי ווי עס איז משמע פון דעם וואס עס שטייט '**לְחַבֵּר**'. און לכאורה דארף מען פארשטיין די חילוק, פארוואס ביי די יריעות שש שטייט אז בצלאל האט עס אליינס מחבר געווען, און ביי די יריעות עזים שטייט אז בצלאל האט נאר געמאכט די הכנה אז איינער זאל עס מחבר זיין?

קומט דער נצי"ב און שרייבט: **אבל מזה עמדנו על מדרש חז"ל ברכות** (נה, א) **דלהכי היפך בצלאל את הסדר ועשה תחילה את המשכן ואחר כך הכלים, משום הטעם שאמר בצלאל 'כלים שאני עושה להיכן אכניסם'. והוא פלא, הלא גם לאחר שעשה הכל לא העמיד משה את המשכן עד ראש חודש ניסן, והכל נגמר בחנוכה, כדאיתא בפסיקתא. ואם כן היכן עמדו הכלים כל זה המשך? אבל עלינו להבין שחז"ל דייקו קרא שלפנינו, שבצלאל עצמו חיבר היריעות הללו לפני הקמת כל המשכן, והעמיד היריעות על כלונסאות וכדומה שיעמדו לשעה, כדי לכהניס לתוכם את הכלים ולא יעמדו לעין כל אדם בחוץ, שאין זה כבוד כלי קודש, מה שאין כן יריעות עזים באמת לא חיבר בעצמו עד שהקדים משה** - פירוש: דער נצי"ב איז מחדש א מורא'דיגע חידוש, אז בעצם האט בצלאל געהאלטן אז מען דארף קודם בויען די משכן און נאר נאכדעם די כלים, ווייל עס האט אים געבאדערט דער קשיא פון 'כלים שאני עושה להיכן אכניסם', אבער צום סוף ווען מען האט געענדיגט בויען די משכן און די כלים כ"ה כסליו, און די ציווי השם איז געקומען צו אויף בויען די משכן נאר ראש חודש ניסן, האט בצלאל געגאנגען און גענומען די 'יריעות שש', און עס מחבר געווען און געמאכט אן אהל פון דעם, און דארט האט ער אריינגעלייגט די כלים פון די משכן פון כ"ה כסלו ביז ראש חודש ניסן, און אזוי האט ער פארענטפערט דעם 'להיכן אכניסם' פאר ביז דערווייל. און לפי זה שטומט זייער גוט דער דיוקים פון די פסוקים. ביי די יריעות שש שטייט "וַיְחַבֵּר" אֶת הַיְרִעֹת אַחַת אֶל אֶחָת, ווייל בצלאל האט פיזיש צאם געשטעלט דער יריעות שש און געמאכט אן אהל פאר די כלים פון די משכן, און ביי די יריעות עזים שטייט "לְחַבֵּר" אֶת הָאֹהֶל לִהְיֹת אֶחָד, ווייל דעס האט ער נאר אנגערייט פאר משה רבינו צו עס מחבר זיין ראש חודש ניסן ביים הקמת המשכן. הפלא ופלא!

## תירוצו של הגאון האדיר רבי מאיר אריק זצ"ל

די גרויסע גאון און שר התורה **רבי מאיר אריק זצ"ל** ענטפערט א הערליכע תירוץ אויף דער קשיא וזה לשונו (טל תורה החדש, ברכות שם): **ובחתם סופר הקשה בשם הגאון רבי נתן אדלר זצ"ל דאיתא במדרש רבה, הובא בטור או"ח סימן תרפ"ד, דמלאכת המשכן וכליו נגמרו בכ"ה כסליו והמשכן הוקם בראש חודש ניסן, ואם כן על כחרך הכניסן לבית אחר, הויא קושיא עצומה מאוד, עיי"ש שנדחק מאוד. ונראה לי דהכי הקשה בצלאל, דידוע דמעלין בקודש ולא מורידין** (עי' שבת כא, ב), **וידוע בכל מקום דהחיצון שומר לפנימי והפנימי עיקר יותר, וזה שאמר כלים שאני עושה להיכן אכניסם, הלא אל המשכן, ואם כן הכלים עיקר יותר וקדושתן חמורה, ואם כן מצות משכן קודמת דמעלין בקודש.**

פירוש: רבי מאיר אריק איז אינז מבאר א נייער פשט אין די ווערטער פון בצלאל, דהיינו, בצלאל האט לעולם נישט געהאט קיין פראבלעם אז אויב מען גייט בויען די כלים פאר די משכן, וועלן די כלים נישט האבן ווי צו זיין, ווייל אפילו צום סוף, האבן דאך די כלים סייווי נישט געהאט ווי צו זיין, ווייל די משכן איז נאר געווארען אויף געשטעלט ראש חודש ניסן. נאר די טענה פון בצלאל איז געווען, אז עס איז דאך דא די כלל פון 'מעלין בקודש ולא מורידין', דהיינו ביי דברים של קדושה, הייבט מען קודם אן מיט די זאכן וואס זענען וויניגער הייליג און נאר נאכדעם איז מען ממשיך מיט די זאכן וואס זענען מער הייליג. וועגן דעם האט בצלאל געזאגט, 'כלים שאני עושה להיכן אכניסם', און זיי כונה איז געווען, אז איבעראל איז א 'דבר חיצון' א שומר פאר א 'דבר פנימי', דהיינו יעדער זאך וואס איז מער אינדערוועגדיג פון א צעווייטע זאך איז מער חשוב און הייליג פון די זאך פון אינדרויסן. און אויב אזוי דא ביי די משכן און די כלים, וואס די משכן איז דער 'דבר חיצון' און דער כלים איז דער 'דבר פנימי', איז דער כלים מער הייליג און חשוב פון די עצם משכן, און אויב אזוי כדי צו מקיים זיין די כלל פון מעלין בקודש ולא מורידין, וואלט מען געדארפט קודם בויען די זאך וואס איז וויניגער הייליג, דהיינו די משכן, און נאר נאכדעם גיין בויען די כלים וואס איז הייליגער פון די משכן. און דעס האט בצלאל געזאגט 'כלים שאני עושה להיכן אכניסם', דהיינו, דער כלים וואס איך גיי יעצט בויען, ווי גיי איך עס אריין לייגן? אין די משכן! איז על כרחך די כלים הייליגער פון די משכן, און אויב אזוי דארף מען בויען די משכן קודם, וויבאלד מעלין בקודש ולא מורידין! (ועיין עוד בצל"ח מבעל נודע ביהודה, ברכות שם, עוד תירוץ על קושיא זו).